פֿון דער גרויסער אַרטעמיס און פֿון איר בילד,
36 וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל? דעריבער, אַזוי
ווי מען קען די דאָזיקע זאַכן נישט סותר־זיין, האָט
איר זיך געזאָלט פֿאַרהאַלטן רואיק, און גאָרנישט
37 טון אין איילעניש. וואָרום איר האָט אַהערגעבּרענגט
די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען נישט קיין
טעמפּל־רויבער, נישט קיין לעסטערער פֿון אונזער
38 געטין. דעריבער, אויב דימעטריוס און די האַנט־
ווערקער מיט אים האָבן טאַקע עפּעס אַ טענה קעגן
עמיצן, ווערן (דאָך) געהאַלטן עפֿנטלעכע טעג פֿון
משפּטים, און עס זענען דאָ פּראָקאָנסולן; זאָלן זיי
39 אָנקלאָגן איינס דאָס אַנדערע. אויב אָבער איר
זוכט עפּעס אַנדערש, וועט עס געלייזט ווערן אויף
40 דער געזעצלעכער פֿאַרזאַמלונג. וואָרום מיר זענען
אויך אין אַ סכנה, אָנגעקלאָגט צו ווערן וועגן אַ
מרידה צוליב דער היינטיקער מעשׂה, ווייל עס
איז נישטאָ קיין סבּה, מיט וועלכער מיר זאָלן
קענען פֿאַרענטפֿערן דאָס דאָזיקע צוזאַמענגעלויף.
41 און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער פֿאַנאַנ־
דערגעלאָזט די פֿאַרזאַמלונג.

## קאַפּיטל צוואַנציק

1 און נאָך דעם ווי די מהומה האָט זיך איינגעשטילט,
האָט פּאולוס געשיקט נאָך די תּלמידים און
גערעדט טרייסטווערטער צו זיי, האָט זיך געזעגנט
און איז אַרויסגעגאַנגען צו גיין קיין מאַצעדאָניען.
2 און אַדורכגייענדיק יענע פּראָווינצן, און טרייס־
טנדיק זיי (ד״ה די דאָרטיקע מאמינים) מיט אַ סך
3 ווערטער, איז ער געקומען קיין גריכנלאַנד. און
איז (דאָרט) פֿאַרבליבן במשך פֿון דריי חדשים;